בעזהשי"ת
קינדערגארטן
דישיבה תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר
- קרית יואל יע"א -
נתייסד ע"י כ"ק רבינו הקוה"ט זיע"א • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א

# וואס הערט זיך אין קינדערגארטן




## פ' בלק תשע"א









### ✪ ברוכים הבאים

הנהלת הקינדערגארטן וואונטשט א ברוכים הבאים פאר אלע נייע קינדערלעך וואס זענען אריין געקומען אין חדר דעם חודש. מיר האפן איר וועט שטארק הנאה האבן און שטייגן מער און מער מיט מדות טובות און יראת שמים אונטער די אויפזיכט פון אייערע געטרייע חשובע איבערגעגעבענע מלמדים שליט"א.

און אין די זעלבע צייט וואונטשן מיר פאר אלע אונזערע זוממער געסט א ברוכים הבאים. מיר האפן איר וועט הנאה האבן פון א רייכן זוממער מיט אינהאלטסרייכע פראגראמען מיטן באשעפער'ס הילף אונטער דעם אויפזיכט פון דעם געטרייען איבערגעגעבענעם מלמד הר"ר יואל מענדלאוויטש שליט"א. מיר וואונטשן אים טאקע הצלחה און סייעתא דשמיא אין זיין הייליגע ארבעט.

### ✪ נפלאות הבורא אין קינדערגארטן

פּאַ"פּ, פּאַ"פּ, נאך א קראך.... און נאך א קראך.... נאך א טשיקעלע...

איין אין צוואנציג טעג האבן מיר געציילט און געווארט, יעדן טאג געקאלערט נאך א באַקסעלע אין אונזער לוח וואס מיין רבי האט אויפגעהאנגן אין חדר, נאך א טאג און נאך א טאג. ביז דעם זונטאג פרשת בלק האט דאס ווירקליך אזוי פאסירט. מיין רבי טראגט מיך אריין אין א חדר ווי מיר זעהן וויאזוי עס קראכן די אייערלעך איינע נאך די אנדערע און עס קריכן ארויס קליינע טישקעלעך. איי ווי זיס זיי זענען...

אבער לאמיר דערציילן – לאמיר דערציילן די גרויסע נפלאות הבורא, וויאזוי עס גייט צו די גאנצע פראצעדור.

צום ערשט קויפט מען ספעציעלע אייערלעך וואס קומען פון א טשיקן פארעם (נישט אייער וואס מ'קויפט אין גראסערי) מ'שטעלט זיי אריין אין א מאשין (אינקעבעטור) וואס האט א לעקטער אינדערמיט און די אייערלעך ליגן ארום און ארום. די לעקטער ווארעמט אן די אייערלעך, די מאשין דרייט זיך אטאמאטיש זייער שטאטעלעך ווייל אזוי טוט די מאמע טשיקעלע ווען זי זיצט אויף די אייערלעך. די טעמפראטור אינעווייניג דארף זיין 90 דערגרי נישט מער און נישט ווייניגער. מ'דארף אריין גיסן פון מאל צו מאל הייסע וואסער צו באלאנסירן דעם טעמפראטור. גענוי נאך 21 טאג הייבט מען אן צו הערן טשווישטקענען אינעווייניג אין די איי, נאך אביסל הערט מען ווי די טשיקעלע קלאפט מיטן שנאבל צו עפענען די איי. מוראדיגע נפלאות הבורא זעהט מען ווען די טישקעלע שפאלט נאך אביסל און נאך אביסל, זי ריקט זיך און דרייט זיך אינעווייניג אין די איי צו שפאלטן מער און מער. ביז די איי ווערט צוטיילט אין העלפט. דערנאך געט זי א טאנץ ארויס פון די שולאכטס און זי קומט ארויס. ביז 24 שעה דארף זי נישט קיין עסן אדער טרינקן. דאן לייגט מען זיי אריין אין א ספעציעל פלאץ מיט א הייסע לעקטער ווי זיי וועלן פארבלייבן די קומענדיגע וואכן ביז זיי קענען שוין גיין אין דעם פארעם צוזאמען מיט אלע אנדערע באשעפענישן. מה רבו מעשיך ד'.

### ✪ ב"ה מיר קריגן נייע שפילצייג

שוין א לענגערע צייט וואס הערשט א שטיקל מאנגל אין שפילצייג אין די נורסערי - טייל צוליב די פארגרעסערטע צאל קינדער קיעה"ר וואס יעדעס מאל ווען מ'עפענט א נייע חדר נאשט מען שפילצייג פון אנדערע חדרים, טייל צוליב וואס די שפילצייג וואס זענען שוין אויסגענוצט געווארן נאך אזויפיל יארן זיין אין

באנוץ - זענען מיר צופרידן צו מעלדן אז ב"ה די וואך איז אנגעקומען א גרויסע ארדער פון נייע לעגאוס, קליק"ס, און פארשידענע אנדערע שפילצייגן צב"ש קארעלעך און טראקס אא"וו, וואס ווערט אין די טעג אויסגעטיילט פאר די קלאסן וואס האבן נישט געגוג שפילצייגן. די קינדערעלעך וועלן זיכער שטארק געניסן פון זיי מיטן באשעפער'ס הילף.

## ✪ א ווארט פון אייער אינגעלע

טייערע עלטערן שיחיו

שוין עטליכע וואכן וואס מ'רעדט און מ'שרייבט דערוועגן, איין וואך דער באס דרייווער, דערנאך דער באס מלמד. יעצט קומט די רייע אויף מיר אויך צו זאגן א ווארט. נאך אלעם בין איך דאך אויך א שטיקל מחותן צום גאנצן ענין. סוף כל סוף בין איך דאך דער וואס וואלגערט ארום פארלוירענהייט און מ'טראגט מיך פון באס צו באס, פון מעכל צו רעכל און צוריק צו מעכל ביז איך קום ענדליך אן אהיים אויסגעמוטשעט דורשטיג און מיד. פארוואס? פאר אביסל פארנאכלעסיגקייט? דעריבער שפיר איך א רעכט אויך צו זאגן א מיינוג דערוועגן. גיט א קוק. איך קליינע אינגעלע בין דאך זיכער נישט ארגער ווי א קליין פעקלע – א באקס - וואס מ'שיקט מיט די UPS אויף די ברוינע טראק. עס פאלט דאך קיינעם נישט ביי, איבערצוגעבן א באקס אדער שיקן א פעקל אן דעם וואס ער זאל ארויף לייגן א לעבל דערויף מ'זאל וויסן ווי דאס באלאנגט און ווי דאס דארף גיין.... דעריבער ווי איז דאס געמאלט אז מען לייגט מיך ארויף אויפן באס, מ'שיקט מיך אין חדר אן א פי"ן? דער בלויזער פאקט אז איך האב א מויל, מיינט נאכנישט אז איך וועל רעדן צו יעדן און ענטפערן וויאזוי איך הייס און וואו איך וואויך, ספעציעלע ווען איך בין פארלוירן און צומישט... איך וועל אפי' נישט האבן די קוראדש צו זאגן ווער מיין רבי איז און וויאזוי ער הייסט. דערפאר אין קורצן. טייערע עלטערן שיחיו, איר מיינט דאך זיכער שטענדיג נאר מיין טובה. ביטע זעהט

## אנצוטוהן מיין פי"ן - און מיך אפווארטן ביים באס יעדן איינציגן טאג

מיט דעם וועט פארשפארט ווערן עגמת נפש פאר אייך, פארן באס דרייווער און פאר דעם באס רבי און פאר מיר אייער זיסע אינגעלע.

## ✪מזל טוב פון די וואך

**הנהלת הקינדערגארטן וואונטשט**
**א הערצליכן מזל טוב**

פאר המלמד החשוב
**מו"ה אלי' ראטה שליט"א**
צו דעם געבורט פון אן אייניקל נ"י
דער באשעפער זאל העלפן איר זאלט זעהן
פון אלע אייערע קינדער און אייניקלעך פיהל נחת דקדושה
געזונטערהייט עמו"ש

ווי אויך פאר המלמד החשוב
**מו"ה משה גפן שליט"א**
צו דעם געבורט פון אן אייניקל נ"י
דער באשעפער זאל העלפן איר זאלט זעהן
פון אלע אייערע קינדער און אייניקלעך פיהל נחת דקדושה
געזונטערהייט עמו"ש

## חסדי ד' כי לא תמנו כי לא כלו רחמיו

מיט גרויס פרייד און דאנק צום גרויסן באשעפער טוען מיר מעלדן אז אונזער טייערע חבר הילד היקר

## אלימלך בן חוה לאה

איז שוין ב"ה באפרייט געווארן פון שפיטאל און ער געפינט זיך שוין אינדערהיים. אין נאמען פון די חשובע עלטערן שליט"א דאנקן מיר פאר אלע וואס ערליך מתפלל געווען פאר איס, אייער הארציגע תפלה האט זיכער עושה רושם געווען אין הימל. און אין די זעלבע צייט בעטן מיר מ'זאל ווייטער מתפלל זיין און בעטן אויף א גאנצע און שנעלע רפואה פאר אלימלך בן חוה לאה בתוך שאר חולי ישראל.

## זיסע חכמה'לעך

✪

**שמעון יודל סאנדל'ס** מאמע זאגט אים זונטאג אינדערפרי פון די נייע סדרה, זאגט ער **"די פענסטער זענען אפן, און מיין רבי הערט אלעס, ער גייט די זעלבע דערציילן.** אהיים קומענדיג זאגט ער **"נעקסטע וואך רעד אביסל שטילער, דער רבי נישט הערן די סדרה"....**

✪

**שלמה הערש פערל'ס** מאמע האט אים פארויס דערציילט פון דעם רשע בלעם. רופט ער זיך אן **"אה! בלעם איז געווען א הייליגע רשע"...**